# דער נס פון הושענא־רבה

„— דער נס פון הושענא־רבה — אזוי האָט מען א נאָמען געגעבן בא אונדז די באַן־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך געטראָפן פּונקט אום הושענא־רבה נאָכן קוויטל. און געטראָפן האָט זיך די געשיכטע, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע בא אונדז אין הייסין. דאָס הייסט, נישט אין הייסין גופא, נאָר א פּאָר סטאַנציעס פאַר הייסין. סאָבאָליווקע הייסט די סטאַנציע"...

מיט אזא לשון האָט מיר א הייסינער סוחר, ווײַזט אויס, א לײַטישער מענטש, גענומען ברייטלעך צו דערציילן, וואָס פאַר א קאַטאַסטראָפע עס האָט זיך געטראָפן בא זיי מיט דער שמאָלער באַן, וואָס מע רופט זי דאָרטן „דער לײַדיקגייער" (איך האָב אײַך אים באַשריבן שוין פריִער, אין דעם אַרײַנפאָר). און מחמת דער הייסינער סוחר האָט מיר דערציילט די דאָזיקע געשיכטע טאַקע פאָרנדיק מיטן „לײַדיקגייער", וואָס האָט צײַט, און געווען זײַנען מיר מיט אים אין וואַגאָן סך־הכל צוויי פּאַסאַזשירן, האָט ער זיך צעשפּילעט, צעלייגט, ווי בא טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און גערעדט פּערלדיק, געטאָקטע ווערטער, געגלעט זיך בעת־מעשה דאָס בײַכל, צוגעשמייכלט און שטאַרק הנאה געהאַט פון זײַן אייגענער געשיכטע.

„— איר פאָרט דאָך שוין מיט אונדזער לײַדיקגייער, ברוך־השם, די אַנדערע וואָך. ווייסט איר דאָך מן הסתם די טבע זײַנע? ער האָט אײַך א טבע, אַז ער קומט אָן אַף א סטאַנציע און שטעלט זיך אוועק, פאַרגעסט ער דעם זײַ־געזונט. דאָס הייסט, איינגעלעך, לויט „ראַספּיסאַניע", טאָר ער נישט שטיין מער וויפל ס'איז אים אָנגעצייכנט. למשל, אַף דער סטאַנציע זאַטקעוויץ איז אויסגערעכנט, אַז ער דאַרף שטיין פּונקט א שעה מיט אַכט און פופציק מינוט, אָדער אַף דער סטאַנציע סאָבאָליווקע, וואָס איך דערצייל אײַך, — דאָרט טאָר ער מער א רגע נישט שטיין ווי איין שעה מיט צוויי און דרײַסיק מינוט. נאָר די מכות זאָל זיך אים עסן, וואָס ער שטייט סײַ אין זאַטקעוויץ, סײַ אין סאָבאָליווקע מער ווי צוויי, און אַמאָל — מער ווי דרײַ שעה. עס ווענדט זיך אָן דעם, וויפל צײַט עס נעמען בא אים צו די „מאַניעוורעס". און וואָס בא אונדזער „לײַדיקגייער" ווערט אָנגערופן „מאַניעוורעס" — דאַרף איך דאָך אײַך נישט דערציילן. מע שפּאַנט־אויס דעם לאָקאָמאָטיוו, און די „ברינאַרע", דער קאָנדוקטאָר מיטן מאַשיניסט מיטן קאָטשעגאַר, זעצן זיך אוועק אינאיינעם מיטן נאַטשאַלניק סטאַנציע, מיטן זשאַנדאַרם און מיטן טעלעגראַפיסט טרינקען ביר, א פלעשל נאָך א פלעשל.

„וואָס טוט, למשל, דער עולם, די פּאַסאַזשירן הייסט עס, בעת „מאַניעוורעס"? איר האָט דאָך שוין געזען, וואָס מע טוט: מע נודעט זיך, מע ווערט שיִער נישט משוגע. ווער עס גענעצט, ווער עס פאַרשלאָגט זיך אין א ווינקל און כאַפּט א דרעמל, און ווער עס שפּאַצירט זיך אַרום אַף דער „פּלאַטפאָרמע", די הענט פאַרלייגט, און זינגט זיך שטילערהייט א לידל.

„דאַרף זיך טרעפן א מעשה אין סאָבאָליווקע בעת „מאַניעוורעס". שטייט זיך אזוי איינמאָל הושענא־רבה אינדערפרי באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו, די הענט פאַרלייגט, איינער א מענטש, דווקא נישט קיין פּאַסאַזשיר, נאָר אזוי א ייִד, לאָז זיך אײַך דאַכטן, טאַקע א סאָבאָליווקער בעל־הבית, א ציקאַווע ייִד, און קוקט. וואָס טוט דאָ, למשל, א סאָבאָליווקער בעל־הבית? נאַרנישט. הושענא־רבה האָט זיך א סאָבאָליווקער בעל־הבית גאַנץ פײַן אָפּגעדאַווענט, אָפּגעשלאָגן הושענות, אוועק אַהיים און אָפּגעגעסן. אָפּן האַרצן איז האַלב יום־טובדיק, האַלב וואָכעדיק. דאָס קוויטל האָט מען אים דאָרטן סײַ ווי סײַ אונטערגעשריבן, און קיין אַרבעט אין דער היים איז נישטאָ, ערב יום־טוב, האָט ער גענומען דאָס שטעקל און איז זיך אַרויסגעגאַנגען אביסל אָפן וואָקזאַל ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד".

„ווסטרעטשאַיען דעם פּאָיעזד", דאַרפט איר וויסן, איז בא אונדז א מנהג אומעטום אין אונדזער געגנט. קומט די צײַט פון „פּאָיעזד" טראָגט דאָס אײַך אוועק אָפן וואָקזאַל, טאָמער וועט מען עפּעס זען. וואָס זען? וועמען זען? א טעפּליקער ייִדן? אַן אָבאָדיווקער ייִדענע? א גאָלאָוואָניעווסקער גלח? ייִדישע גליקן! נאָר נאַרנישט, מע גייט. און אגב איז נאָך אין יענער צײַט די באַן געווען א נײַס, מע האָט אונדז נאָר־וואָס געהאַט דורכגעפירט דעם „לײַדיקגייער", און ס'איז נאָך געווען וואָס צו זען און וואָס צו הערן. נאָר ווי אזוי די מעשה איז דאָרט געווען, צי אזוי, צי אזוי, — באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו איז זיך הושענא־רבה אין דער פרי, נאָכן קוויטל, ווי איך דערצייל אײַך, געשטאַנען האַלב יום־טובדיק, האַלב וואָכעדיק, א סאָבאָליווקער בעל־הבית מיט א שטעקל און געקוקט.

## THE MIRACLE OF HOSHANA RABBAH

"The Miracle of Hoshana Rabbah—that's what we called the great train accident that took place toward the end of Sukkos. The whole thing happened, don't you know, right in Heysen. That is, not in Heysen itself but a few stops away, in a place called Sobolivke."

With these words a businessman from Heysen, a most companionable fellow, began his jovial account of the catastrophe that befell the narrow-gauge train called the Slowpoke Express, which I described in the last chapter. And since we were on the Slowpoke ourselves—where, being the only passengers in our car, we had all the time and space in the world—he sprawled out as comfortably as if he were in his own living room and gave his narrative talents free rein, turning each polished phrase carefully and grinning with pleasure at his own story while stroking his ample belly with one hand.

"So this is already your second week on our Slowpoke! I suppose you must have noticed, then, that it has a temperament of its own and that once it pulls into a station, it sometimes forgets to pull out. According to the schedule, of course, it mustn't stay a minute longer than it's supposed to. In Zatkevitz, for instance, that's an hour and fifty-eight minutes, and in Sobolivke, which is the place I was telling you about, it's exactly an hour and thirty-two. Bless its sweet little soul, though, if it doesn't stop for over two hours in each, and sometimes for over three! It all depends how long it takes to tank up. Do you know how the Slowpoke's crew tanks up? The locomotive is uncoupled and everyone—the motorman, the conductors, and the stokers—goes off with the stationmaster, the policeman, and the telegraph operator to see how many bottles of beer he can drink.

"And what do the passengers do while the crew is tanking up? That's something you've seen for yourself too: they go stir-crazy, they begin to climb the walls. Some of them just sit there and yawn, some curl up in a corner and grab forty winks, and some walk up and down the platform with their hands behind their backs, humming a little tune.

"Well, it just happened to happen during tank-up time in Sobolivke. One Hoshana Rabbah morning, a Jew was standing by the unhooked locomotive with his hands behind his back—and not even a passenger, don't you know, but a local citizen who had come to have a look-see. How else does a well-off Jew in Sobolivke pass the time on Hoshana Rabbah? He's already waved his palm branch and said his prayers in the synagogue, gone home, and eaten an early dinner. It's only half a holiday, but the next day is a whole one, and there's really nothing much for him to do. What's left but to take his walking stick and go off to meet the train at the station?

" 'Meeting the train,' you have to understand, is a local institution. When the train is due in, a Jew moseys down to the station to have a look at it. Just what does he hope to see that's so exciting—another Jew like himself from Teplik? Or a Jewess from Obodivke? Or a priest from Golovonyevsk? Jewish pleasures! But it was the custom to go, so go this Jew did. And in those days, don't you know, the railroad was new; we weren't used to the Slowpoke yet and we were all still curious about it. Take it this way or that, or any way you like, there by the unhooked locomotive with his walking stick stood a Jew from Sobolivke one Hoshana Rabbah morning, half a holiday it was and half a workday, having himself a look-see.

„אם כן, איז וואס? דאכט זיך מיר, אז א סאבאליווקער בעל־הבית שטייט און קוקט אף אן אפגעשפאנטן לאקאמאטיוו — וועמענס עסק איז דאס? זאל ער זיך שטיין געזונטערהייט. ניין. באדארף זיך טרעפן מסתמא אזוי, אז צווישן די איבעריקע פאסאזשירן געפינט זיך א גלח. לאז זיך אייך דאכטן, טאקע א גאלאוואניעווסקער גלח, פון גאלאוואניעווסק, הייסט עס, א שטעטל נישט ווײַט פון הייסין. נישטא וואס צו טאן, שפאצירט זיך דער גלח אויך אף דער זעלבער „פלאטפארמע", אויך פארלייגט די הענט, און שטעלט זיך אפ אויך באם אפגעשפאנטן לאקאמאטיוו. רופט זיך אן דער גלח צום יידן: „הער נאר, יודקא! וואס האסטו דא דערזען?" ענטפערט אים דער ייד בייזלעך: „וואס עפעס יודקא? איך הייס נישט יודקא, איך הייס בערקא". מאכט צו אים דער גלח: „לאז זײַן בערקא. וואס קוקסטו דא, אשטיינער, בערקא?" ענטפערט אים דער ייד און לאזט נישט אראפ קיין אויג פונעם לאקאמאטיוו: „איך שטיי און באטראכט גאטס וואונדער, ווי אזוי איבער א נארישקייט, איבער איין דריי, וואס מע טוט א דריי איין שרײַפל אהער, דאס אנדערע שרײַפל אהין — הייבט אן גיין אזא גוואלדיקע מאשין!" מאכט צו אים ווידער דער גלח: „פון וואנען ווייסטו, אז מע טוט א דריי איין שרײַפל אהער און דאס אנדערע אהין, הייבט אן גיין די מאשין?" ענטפערט אים דער ייד: „איך זאל נישט וויסן, וואס־זשע וואלט איך געזאגט?" מאכט צו אים דער גלח: „קוגל ווייסטו, ווי אזוי מען עסט, אט וואס דו ווייסט!" פארדריסט דאס שוין דעם יידן (סאבאליווקער יידן האבן אין זיך אמביציע), און ער רופט זיך אן צום גלח: „אנו, פאטערל, אפשר וואלסטו זיך מטריח זײַן אף א ווײַלע מיט מיר אפן לאקאמאטיוו, וואלט איך דיר געבן צו פארשטיין דעם שכל, פאר וואס א לאקאמאטיוו גייט און פאר וואס ער שטייט?" דא האט שוין דעם גלח דערלאנגט א בראט נישט אף קאטאוועס: וואס הייסט? אט דאס יידל וועט אים געבן צו פארשטיין דעם שכל, פאר וואס א לאקאמאטיוו גייט און פאר וואס ער שטייט?!... און ער מאכט צו אים מיט הארץ: „קריך, הערשקא, אפן לאקאמאטיוו!" זאגט צו אים דער ייד ווידער א מאל: „איך הייס נישט הערשקא, איך הייס בערקא". מאכט צו אים דער גלח: „לאז זײַן בערקא. קריך, בערקא!" מאכט צו אים דער ייד: „וואס הייסט עפעס קריך? פאר וואס זאל איך קריכן? קריך דו, פאטערל, פריער!" מאכט צו אים דער גלח מיט כעס: „דו לערנסט דאך מיך, נישט איך דיך, דארפסטו פריער קריכן". בקיצור, א ווארט פאר א ווארט — מען איז, לאז זיך אייך דאכטן, ארויפגעקראכן ביידע אפן לאקאמאטיוו, און דער סאבאליווקער ייד האט זיך גענומען לערנען מיטן גלח „הלכות מאשינע", געגעבן פאוואלינקע א דריי איין קראן אהער, דעם אנדערן אהין, און איידער זיי האבן געקאנט ארויסלאזן א ווארט פונעם מויל, האבן זיי מיט שרעק דערזען, אז דער לאקאמאטיוו האט גערירט פונעם ארט און — פאשאל!

„א צינד איז, דאכט מיר, די בעסטע צײַט איבערלאזן דעם יידן מיטן גלח אפן אפגעשפאנטן לאקאמאטיוו. לאזן זיי זיך פארן געזונטערהייט, און מיר וועלן זיך דערווײַל פארנעמען מיט דעם נפש: ווער איז דאס געווען אט דער סאבאליווקער ייד, וואס האט געהאט אין זיך אזא שטארקייט און האט זיך אײַנגעשטעלט ארויפצוקריכן מיט א גלח אף אן אפגעשפאנטן לאקאמאטיוו?

„בערל עסיקמאכער — אזוי, לאז זיך אייך דאכטן, הייסט דער סאבאליווקער ייד, וואס איך דערצייל אייך. פאר וואס רופט מען אים עסיקמאכער? ווײַל ער פארנעמט זיך דערמיט, וואס ער מאכט עסיק, דעם בעסטן עסיק אין אונדזער ווינקל. די מלאכה האט ער, אייגנטלעך, בירושה פון זײַן טאטן. נאר ער האט צוגעקלערט — אזוי זאגט בערל אליין — אזא מין מאשינע, וואס גיט־ארויס דעם בעסטן עסענץ. ער זאל האבן צײַט, זאגט ער, וואלט ער געקאנט באזאטן מיט עסיק דרײַ גובערניעס. נאר וואס דען? עס טוט זיך אים נישט נייטיק, זאגט ער, ער איז נישט קיין אץ להעשיר. אט אזא מין מענטש איז אונדזער עסיקמאכער. אין ערגעץ נישט געלערנט זיך — און קען וואס פאר אן איידעלע מלאכה איר ווילט, און האט א ידיעה אין אלערליי מאשינעס. פון וואנען קומט דאס צו אים? דארף מען פארשטיין על־פי שכל, אז עסיק מאכן האט א שייכות, זאגט ער, מיט טרײַבן בראנפן, און טרײַבן בראנפן קער זיך אן מיט לשון „זאוואד", און א זאוואד, זאגט ער, האט דאך אין זיך כמעט די אייגענע מאשינעריע, וואס א באן; א זאוואד, זאגט ער, פײַפט און א באן פײַפט — וואס איז די נפקא־מינה? דער עיקר — אזוי זאגט בערל אליין און מאכט בעת מעשה מיט די הענט — דער עיקר איז נאר דער כח, וואס נעמט זיך פונעם הייצן, זאגט ער. פונעם הייצן, וואס מע הייצט, ווארעמט זיך אן דער קעסל, זאגט ער, און דאס וואסער הייבט אן קאכן, שטופט דאס, זאגט ער, דעם באל און עס דרייען זיך די רעדער, זאגט ער, אף וואס פאר א זײַט איר ווילט: ווילט איר, זאגט ער, ס'זאל גיין רעכטס — טוט א דריי דעם רעגוליאטאר רעכטס, ווילט איר לינקס — דרייט, זאגט ער, דעם רעגוליאטאר לינקס. ס'איז, זאגט ער, אזוי פשוט, וואס פשוטער קאן שוין נארנישט זײַן!... אצינד, אז איך האב אייך אביסל באקאנט געמאכט מיט דעם סאבאליווקער יידן, איז אייך שוין פארענטפערט, מיין איך, א סך קשיות, און מיר קאנען זיך אומקערן צו דער קאטאסטראפע.

"Well might you ask: and what of it? Whose business was it if a Jew from Sobolivke stood looking at a locomotive or not? Let him look till the cows come home! It just happened to happen, however, that among the passengers that day was a Russian priest from Golovonyevsk, which is, don't you know, a small town not far from Heysen. And having nothing to do either, he too was walking up and down the same platform with his hands behind his back until he reached the same locomotive. 'Hey, Yudko!' he said to the Jew. 'What are you looking at?'

" 'Since when am I Yudko to you?' the Jew retorted angrily. 'My name isn't Yudko. It's Berko.'

" 'Let it be Berko,' said the priest. 'Tell me, Berko, what are you looking at?'

" 'I'm looking,' said the Jew without taking his eye off the locomotive, 'at one of God's wonders. It's amazing how a ridiculous little thing like turning one throttle this way and another throttle that way can make such a huge engine go.'

" 'What makes you think that turning one throttle this way and another throttle that way will make it go?' asked the priest.

" 'If I didn't know it would, I wouldn't have said so,' said the Jew.

" 'Why, you wouldn't even know how to eat a noodle pudding!' said the priest.

"That got the Jew's dander up so (the Sobolivkan Jews think a lot of themselves) that he said to the priest, 'All right, Father. Suppose you kindly climb aboard with me and let me give you some pointers on how a locomotive runs.'

"Well, by now the priest was pretty damn hot under the collar himself. The idea of that little Jew giving him pointers on anything! And so he said good and loud, 'Go ahead, climb aboard, Hirshko!'

" 'I told you my name isn't Hirshko,' said the Jew. 'It's Berko!'

" 'Fine,' said the priest. 'Berko. Up you go, Berko!'

" 'What do you mean up *I* go?' said the Jew. 'Why me first? Up *you* go, Father!'

" 'It's you who's giving the pointers,' said the furious priest. 'Go ahead!'

"In short, one word led to another, don't you know, and they both climbed aboard the locomotive, where the Jew from Sobolivke began to give the priest driving lessons. He gave one throttle a little twist this way and another throttle a little twist that way, and before they knew it, they were astonished to see that the locomotive was moving and they were off to the races . . .

"I do believe, though, that now is the time to wish them both a pleasant journey and ask ourselves a basic question: exactly who was this Jew from Sobolivke who had the strength of character to board an unhitched locomotive—and with a priest, at that?

"Berl Vinegar—that was the Jew's name. Why Berl Vinegar? Because, don't you know, he makes vinegar, the best money can buy hereabouts. He learned the business from his father, but he himself—I have this directly from Berl—invented a machine that turns out a superior product. If he wanted to, he told me, he could corner the market in three whole provinces. You know what, though? He says he's got time, he's no get-rich-quicknik. That's our vinegar maker. He never studied a day in his life, but there's nothing he doesn't know and no machine he can't take apart. Where did he learn it all? Well, it's no secret that making vinegar has to do with making spirits, and spirits are distilled in a distillery—and a distillery, he told me, has machinery just like a train engine: both work on hot air, so what's the big difference between them? The principle of the thing—Berl used both hands to explain it—is boiling water: you boil the water in a boiler, he says, and when the boiling water's boiled, it turns a shaft, and the shaft, he says, turns the wheels however you want; if you want them to go forwards you turn a gizmo to the right, and if you want them to go backwards you turn a gizmo to the left. Why, it couldn't be simpler, he says! . . . And now that I've introduced you to Berl Vinegar and answered a few questions you may have had about him, suppose we get back to our catastrophe.

"I hardly need to tell you what pandemonium broke out among the passengers in Sobolivke station when they saw the uncoupled locomotive mysteriously take off on its own. That's something you

„דאַרף איך אײַך נאָך דערציילן, וואָס פאַר א פחד און וואָס פאַר א טומל ס'איז געוואָרן צווישן די פּאַסאַזשירן אין סאָבאָליווקע אויף דער סטאַנציע, אז מע האָט דערזען דעם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו גיין אירנעם אליין, מע ווייס נישט מיט וואָס פאַר א כח? איך מיין, אז דאָס דאַרפט איר שוין אליין פאַרשטיין. הײַנט די מהומה, וואָס איז געקומען אויף דער „ברינאַרע"? תחילת האָט זיך אפילו די „ברינאַרע", לאָז זיך אײַך דאַכטן, געלאָזט לויפן נאָכן לאָקאָמאָטיוו, געוואָלט, אפּנים, אים כאַפּן פון הינטן. מע האָט אָבער גיך ארויסגעזען, אז די מי איז אומזיסט. עפּעס טאַקע נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך דער לאָקאָמאָטיוו איצטיקס מאָל געלאָזט לויפן און איז געפלוינן משוגענערווײַז. זינט דער „לידיקנייער" האָט אָנגעהויבן צו גיין אין אונדזערע מקומות, האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אז דער לאָקאָמאָטיוו זאָל אזוי גיך לויפן. האָט זיך די „ברינאַרע" געבעך געמוזט אומקערן צוריק מיט לידיקע הענט און אינאיינעם מיטן זשאַנדאַרם און מיטן נאַטשאַלניק האָט מען געמאַכט א פּראָטאָקאָל און נאָכדעם האָט מען צעשיקט דעפּעשן איבער דער גאַנצער ליניע: „אוועק א לאָקאָמאָטיוו איינער אליין. וועטס מיטלען. טעלעגראַפירט".

„וואָס פאַר א פּאַניקע די דאָזיקע דעפּעש האָט ארויסגערופן אויף דער גאַנצער ליניע — איז גרינג זיך פאָרצושטעלן. ערשטנס, האָט מען נישט פאַרשטאַנען די דעפּעש. וואָס איז דער פּשט: „אוועק א לאָקאָמאָטיוו איינער אליין"? ווי גייט דאָס אליין א לאָקאָמאָטיוו? און, צווייטנס, וואָס באַטײַטן די ווערטער: „נעמט מיטלען"? וואָס פאַר מיטלען קאָן מען נעמען, א חוץ דעפּעשן? און עס האָבן אָנגעהויבן פליִען דעפּעשן איבער דער גאַנצער ליניע. דער טעלעגראַף האָט געאַרבעט מיט רוחות. אלע סטאַנציעס האָבן זיך איבערגערעדט צווישן זיך, און די שרעקלעכע ידיעה האָט זיך גיך פאַרשפּרייט, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אין אלע שטעט און שטעטלעך ארום און ארום, און ס'איז געוואָרן, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, חושך ואפלה! בא אונדז אין הייסין, למשל, האָט מען שוין אפילו דערציילט, וויפל נפשות עס זײַנען געהרגעט געוואָרן. נעבעך באַשערט מענטשן אזא שרעקלעכער טויט! און ווען? פּונקט הושענא־רבה נאָכן קוויטל! אפּנים, ס'איז שוין אזוי געווען אָנגעצייכנט פון אויבן...

„אזוי האָט מען געשמועסט בא אונדז אין הייסין און אין אלע ערטער ארום הייסין, און ס'איז גאָר נישט צו באַשרײַבן די יסורים מיטן עגמת־נפש, וואָס מיר אלע זײַנען דערפון אויסגעשטאַנען. נאָר ווי קומט עס צו די יסורים מיטן עגמת־נפש פון די פּאַסאַזשירן נעבעך, וואָס זײַנען געבליבן אין סאָבאָליווקע אויף דער סטאַנציע כצאן בלי רועה, אין מיטן דער נסיעה אָן א לאָקאָמאָטיוו! סטײַטש, וואָס וועלן זיי טאָן? ס'איז הושענא־רבה, ערב יום־טוב, וווּהין גייט מען? סײַדן סוכות האַלטן דאָ אין שטעטל? א פאַרשטערטער סוכות!... און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אלע אין איין ווינקעלע און האָבן גענומען איבעררײדן וועגן זייער אייגענער לאַגע און וועגן דער לאַגע פונעם „בורח" (אזוי האָבן זיי א נאָמען געגעבן דעם אַנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו). מי יודע, וואָס מיט א שלים־מזל קאָן זיך טרעפן? א ווערטעלע אויסצורײדן — עס פליט איבער דער ליניע אזא מאַשינע איינע אליין? עס איז דאָך לא ימלט, אז דער „בורח" זאָל זיך נישט באַגעגנען ערגעץ אין מיטן וועג מיטן „לידיקנייער", וואָס גייט אים אַקעגן פון הייסין איבער זאַטקעוויץ קיין סאָבאָליווקע. וואָס וועט זײַן מיט יענע פּאַסאַזשירן נעבעך? — און דער בעל־הדמיון האָט זיי שוין געמאָלט א צוזאַמענשטויס, א טוראַדיקע קאַטאַסטראָפע מיט אלע פּיטשעווקעס פון א באַן־קאַטאַסטראָפע. זיי האָבן געזען פאַר זיך באַשײַנפּערלעך דאָס גאַנצע אומגליק: איבערגעקערטע וואַגאָנעס, צעפאַלענע רעדער, מענטשישע קעפּ, צעבראָכענע פיס, אָפּגעריסענע הענט און צעטראָטענע טשעמאָדאַנעס, מיט בלוט באַשפּריצט!... פּלוצעם — א דעפּעש! אָנגעקומען א דעפּעש פון זאַטקעוויץ. וואָס שטייט אין דעפּעש? אין דעפּעש שטייט: „די רגע דורכגעפלויגן מיט א שרעקלעכער גיכקייט פאַרבײַ זאַטקעוויץ א לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי פּאַסאַזשירן. איינער זעט־אויס א ייִד, דער צווייטער א גלח. ביידע האָבן געמאַכט מיט די הענט — מע ווייס נישט וואָס. דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק קיין הייסין".

„אָט דאָ איז ערשט געוואָרן א חתונה: וואָס הייסט דאָס? א ייִד מיט א גלח אויפן אַנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו? וווּהין זײַנען זיי דאָס אַנטלאָפן? און צוליב וואָס? און ווער קאָן זײַן דער ייִד?... אהין־אהער, איינער פונעם אנדערן — מע האָט זיך דערוווּסט, אז דער ייִד איז טאַקע א סאָבאָליווקער ייִד. ווער? איר קענט אים? א שאלה אביסל! בערל עסיקמאַכער פון סאָבאָליווקע! פון וואַנען ווייס מען דאָס, אז ס'איז ער? מע ווייס! סאָבאָליווקער ייִדן שווערן, אז זיי האָבן פון דער ווײַטן אליין געזען אים שטיין מיט א גלח באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו און מאַכן מיט די הענט... וואָס טוט זיך דאָ? וואָס האָט א ייִד אן עסיקמאַכער צו שטיין מיט א גלח באַם אָפּגעשפּאַנטן לאָקאָמאָטיוו און מאַכן מיט די הענט?!... מע האָט אזוי לאַנג גערעדט און געפּילדערט, ביז די מעשה איז דערגאַנגען, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אין שטעטל ארײַן, אין סאָבאָליווקע הייסט

should have no trouble picturing. And the horrified train crew? At first, don't you know, they tried chasing the locomotive. Pretty soon, however, they gave up, because just to show them who was boss, that engine suddenly put on a mad burst of speed. Since the day the Slowpoke made its debut in our parts, no one ever saw it go so fast. The crew came back without it, conferred with the policeman and the stationmaster, drew up a report, and sent out a telegram to all the other stations that said:

"*'Runaway locomotive stop take all necessary precautions stop confirm at once.'*

"It's easy to imagine the panic this telegram sowed all up and down the line. To begin with, nobody understood it. What was *runaway locomotive* supposed to mean? How could a locomotive run away? And secondly, what kind of precautions was anyone supposed to take? What precautions could be taken besides sending out more telegrams? And so the cables began to fly in every possible direction. The wires hummed as if possessed. Every station contacted every other, and the grim tidings spread so far and wide, don't you know, that the whole district was plunged into mourning. In Heysen, for example, our Jews were already quoting casualty counts of how many passengers had been killed. What a horrible way to have to die! And when? On Hoshana Rabbah, just when the Book of Life is being shut for the year! Who can fathom the ways of Providence . . .?

"Well, it was all anyone talked about in Heysen and the villages around. I can't begin to describe to you the mental anguish we all went through. And yet what was that compared to the anguish of the unlucky passengers in Sobolivke station, who were stranded like shepherdless sheep without a locomotive to take them anywhere! What on earth were they supposed to do? It was Hoshana Rabbah, the next day was Simkhes Toyroh, the merriest day of the year—where were they going to be for it? Did anyone seriously expect them to spend it in such a jerkwater? Some fine holiday that would be! . . . The passengers gathered in a corner to discuss their own and the runaway's plight. Who knew what might happen to the schlimazel? It was no joke, an engine like that going for a joyride by itself. And sooner or later it was bound to run into another engine pulling a train from the opposite direction, that is, from Heysen to Sobolivke via Zatkevitz! What would happen to the poor devils aboard? Imaginations ran wild over the horrible collision with all its gory details. It was as vivid as if it had already happened: the overturned cars, the twisted wheels, the mangled bodies, the mutilated limbs, the blood-spattered remains of suitcases . . . at which point another telegram arrived. From Zatkevitz. What did it say? It said:

"*Locomotive just passed through Zatkevitz at top speed with two passengers stop one looks a Jew the other a priest stop both waved stop destination unknown stop locomotive headed for Heysen.*

"That's when the real shindig started. What could be the meaning of it? A Jew and a priest in a runaway locomotive? Where were they running away to? And why? And who could the Jew be? . . . A few more minutes passed, two and two were put together, and word went around that the Jew was from Sobolivke. *Who? Do you know him? Do I?! Berl Vinegar!* How did everyone know it was Berl? But the fact is that they did. Several Sobolivkans even swore they had seen him standing by the locomotive with a priest, explaining something with his hands. Only what could he have been explaining? What was a vinegar maker doing with a priest by a locomotive? . . . The debate grew so heated that pretty soon it spilled over into the town itself, into Sobolivke, don't you know—and although the town was not far from the station, the story kept growing by such leaps and bounds with each new arrival from there, everyone adding some new touch of his own, that the version reaching Berl's home was so gruesome that Berl's wife must have fainted a good ten times before a doctor could be brought. And simultaneously, don't you know, Jews from Sobolivke began

עס, און כאָטש דאָס שטעטל איז נישט אזוי שטארק ווײַט פון סטאנציע, נאָר ביז די מעשה איז אָנגעקומען פון איינעם צום אנדערן קיין סאָבאָליווקע, האָט זי באקומען אלע מינים אן אנדער געשטאלט, איטלעכער באזונדער האָט צוגעלייגט זײַנס, און ביז ס'איז דערגאנגען צו בערלען אהיים, האָט די מעשה מיטן גלח באקומען אזא ווילדן פנים, אז בערלס ווײַב איז געבליבן געפאלן חלשות אפשר צען מאָל, מע האָט געמוזט ברענגען דעם דאָקטער... און עס האָט זיך א שאָט געטאָן אַף דער סטאנציע ייִדן פון סאָבאָליווקע, לאָז זיך אײַך דאכטן, אזוי ווי שטערן אין הימל,

און ס'איז געוואָרן אזא גוואלד, אז דער נאטשאלניק סטאנציע האָט געמוזט געבן דעם זשאנדארם א „ראספּאָראזשעניע", ער זאָל אָפּרייניקן די סטאנציע פון סאָבאָליווקער ייִדן... און ווײַבאלד אזוי, וואָס־זשע האָבן מיר דאָ צו טאָן? אפשר וואָלטן מיר בעסער גיין א קוק טאָן, וואָס טוט זיך מיט אונדזער ייִדן און מיטן גלח, להבדיל, אַפן „בורח", איך מיין, אַפן אנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו?

עס איז אָבער גאָר גרינג צו זאָגן — א קוק טאָן, וואָס טוט זיך אַפן אנטלאָפענעם לאָקאָמאָטיוו! ווער קאָן דאָס וויסן, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן? מיר מוזן גלייבן דעם סאָבאָליווקער עסיקמאכער אַף נאמנות. ער דערציילט זיך אָן פון דער נסיעה אזעלכע חידושים, וואָס ווען אפילו, לאָמיר זאָגן, אז ס'איז נאָר האלב אמת, איז דאָס אויך גאנץ גענוג. און אַף וויפל איך קען אָט דעם עסיקמאכער פון סאָבאָליווקע, איז ער, דאכט מיר, נישט אזא מענטש, וואָס זאָל ליב האָבן מגזם זײַן.

„די ערשטע צײַט, אז דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק, — אזוי דערציילט בערל עסיקמאכער, — געדענקט ער כמעט גאָרנישט, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן. נישט אזוי מחמת דערשרעק, ווי איבער דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פארשטיין, זאָגט ער, פאר וואָס דער לאָקאָמאָטיוו וויל אים נישט פאָלגן. על־פי שכל, זאָגט ער, האָט דער לאָקאָמאָטיוו באַם צווייטן דריי פונעם רעגוליאטאָר באלד באדארפט בלײַבן שטיין. צום סוף האָט ער גאָר אָנגעהויבן גיין נאָך גיכער, ווי פריִער. עפּעס גאָר ווי צענטויזנט רוחות וואָלטן אים אונטערגעשטופּט פון הינטן. ער איז געלאָפן, זאָגט בערל, מיט אזא גיכקייט, אז די שטעקנס פונעם טעלעגראף האָבן אים, ווי פליגן, געשעמערירט אין די אויגן, און עס האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ און די פיס האָבן זיך אים ווי אונטערגעהאקט... שפּעטער אביסל, אז ער איז, זאָגט ער, געקומען צוריק צו זײַן פארשטאנד, האָט ער זיך דערמאָנט, אז א לאָקאָמאָטיוו האָט א טאָרמאָז, א פארהאלטער, אַף צו פארהאלטן אים ווען מע וויל. פאראן — נים בערל עסיקמאכער צו פארשטיין מיט די הענט — א האנט־טאָרמאָז און פאראן א לופט־טאָרמאָז, אזא מין רעדל, וואָס אז מע טוט דאָס א רעכטן דריי, טוט דאָס א קוועטש דעם הייבל, דעם ריטשאג הייסט דאָס, און די רעדער הערן־אויף צו דרייען זיך פון זיך אליין. ער געדענקט גאָר נישט, זאָגט ער, ווי אזוי אזא זאך האָט געקאָנט ארויספליִען אים פון קאָפּ?

און ער טוט זיך א לאָז צום רעדל און וויל עס געבן, זאָגט ער, א דריי אין דער רעכטער זײַט, — אז מע כאפּט אים נישט אָן פאר א האנט: „סטאָפּ!" — ווער איז? לאָז זיך אײַך דאכטן, דער גלח, טויט ווי די וואנט, קוים וואָס ער רעדט. „וואָס ווילסטו טאָן?" — פרעגט אים דער גלח מיט ציטערניש. „גאָרנישט. איך וויל, זאָגט אים בערל, אָפּשטעלן די מאשינע"... „זאָל דיך גאָט היטן, זאָגט צו אים דער גלח, זאָלסט זיך מיר מער נישט צורירן צו דער מאשינע! וואָרעם פאָלגסטו מיך נישט, נעם איך דיך פארן קאָלנער און טו דיך א וואָרף־אראָפּ פון לאָקאָמאָטיוו אזוי, אז דו וועסט באַ מיר פארגעסן, אז דו האָסט אמאָל געהייסן מאָשקאָ!"... „נישט מאָשקאָ, איך הייס בערקאָ" — זאָגט צו אים בערל און וויל אים געבן צו פארשטיין דעם שכל פונעם רעדל, וואָס מע רופט דאָס טאָרמאָז. לאָזט ער זיך נישט רײדן — א בייזער גלח! „גענוג שוין צו דרייען, טענהט דער גלח, האָסט שוין אזוי אויך גענוג געדרייט און אָנגעדרייט, פארדרייען זאָל עס דיך, דו פארשאָלטענער מענטש! בעסער וואָלסטו געבראָכן האלדז־און־נאקן, איידער דו האָסט זיך גענומען אַף מײַן לעבן!"... רופט זיך אָן צו אים בערל: „מיינסט אפשר, פאָטערל, אז מײַן לעבן איז באַ מיר נישט אזוי טײַער, ווי באַ דיר דײַן לעבן?" „דײַן לעבן? — מאכט צו אים דער גלח מיט כעס — וואָס פאר א ווערט האָט א הינטיש לעבן?"... פארדריסט דאָס שוין בערלען נישט אַף קאָטאָוועס און ער גיט אוועק, זאָגט ער, דעם גלח א פארציע, אז ער וועט דאָס האָבן צו געדענקען. „ערשטנס, זאָגט אים בערל, איז אַף א הונט אויך א רחמנות. נאָך אונדזער דין טאָר מען אפילו, זאָגט ער, א הונט אויך נישט אָנרירן: ס'איז א צער־בעלי־חיים. והשנית, פרעגט אים בערל א קשיא: מיט וואָס איז מײַן לעבן, למשל, ערגער באַם רבונו־של־עולם פון אן אנדערנס לעבן? קומען מיר דען נישט ארויס, זאָגט ער, אלע פון איין יחוס, פון אָדם־הראשונען? און גייען מיר דען נישט אלע אין איין אָרט, אין דער ערד ארײַן?... איז נומער צוויי. און נאָך א זאך, זאָגט צו אים בערל: נא זע, פאָטערל, דעם חילוק, זאָגט ער, פון מיר ביז דיר. איך טו וואָס איך קאָן, דער לאָקאָמאָטיוו זאָל זיך אָפּשטעלן — הייסט דאָס, אז איך זאָרג פאר אונדז ביידן; און דו, זאָגט ער, ביסט אזוי אויפגעטראָגן, אז דו ביסט קאַפּאבל מיך נעמען און אראָפּווארפן פונעם לאָקאָמאָטיוו, דאָס הייסט — הרגענען א מענטשן!"... און נאָך א סך אזעלכע

descending on the station like falling stars and raising such a rumpus that the stationmaster had to order the policeman to clear them all out of there—which means that it's time for us to go somewhere else too . . . Suppose, then, that we return to our Jew and our priest in their runaway engine and have a look at what they're up to.

"Having a look at a runaway engine is easier said than done, though. Who's to say what went on in it? All we can do is take Berl Vinegar's word. Granted, his account is full of such wonders that even if only half of it were true, it would be more than enough; still, if I know Berl as I think I do, it's not like him to exaggerate.

"According to Berl, then, his mind went blank when the locomotive pulled out of the station. It wasn't the fright, he says, it was simply not understanding why the engine didn't obey him. Logically speaking, it should have come to a stop with the second turn of the throttle, whereas in actual fact it only picked up more speed. You would have thought that ten thousand devils were pushing it from behind! It was traveling at such a clip that the telegraph poles were dancing like gnats before his eyes, and he felt dizzy and weak all over . . . After a while, though, when he came to his senses, he recalled that a locomotive had a brake. There were indeed—he drew them for me in the air—two brakes: a hand brake and an air brake, which was a kind of wheel that, when given a good turn, did something to the crankshaft, or maybe it was the connecting rod, and brought the engine to a halt. How in the world could it have slipped his mind? And so he took hold of the wheel and was just about to turn it hard to the right when—don't think another hand didn't grab his own. '*Stop!*' Who was it? It was the priest, don't you know, white as a sheet and barely able to talk. 'What are you doing now?' he asked Berl, trembling like a leaf.

" 'Nothing,' said Berl. 'I'm just putting on the brake.'

" 'God help you,' said the priest, 'if you so much as touch another thing! You better listen to me or I'll take you by the collar and throw you out of here so fast that you'll forget your name was ever Moshko!'

" 'It's not Moshko, it's Berko,' said Berl, and tried to explain the principle of the air brake. It didn't do a bit of good, though, because that priest was pretty far gone. 'I don't want to hear about any brake,' he said. 'The only brake that interests me is seeing you break your neck, you little bastard! What did I do to deserve you turning up in my life?'

" 'Father,' said Berl, 'do you think you value your life more than I value my life?'

" '*Your* life?' said the irate priest. 'Who gives a damn for the life of a dog like you?'

"Well, that got Berl's goat so it wasn't even funny, and he gave that priest a piece of his mind. 'In the first place,' he said, 'even a dog has feelings. Our religion forbids us to be cruel to it, because it too is a living creature.' Secondly, said Berl, he wanted to ask the priest something. 'What makes you think that my blood is any less red in God's eyes than yours? Aren't we all descended from Adam? And won't we all be buried in the same earth in the end?' That was number two. And there was something else that Berl told him too. 'Just look at the difference, Father, between you and me. I'm doing my best to stop this locomotive, because I'm trying to save us both, and all you can think of is throwing me out of it—in other words, of murdering your fellow man!'

שיינע ווערטער האט ער אים אריינגעזעצט, אינעם גלח הייסט עס, געזאגט מוסר און דערציילט אזעלכע משלים, זאגט ער, אז דער גלח האט שיער דעם שלאק באקומען. און אט אזוי ריידנדיק, האבן זיי דער־זען, זאגט ער, פאר זיך די סטאנציע זאטקעוויץ מיטן נאטשאלניק סטאנ־ציע, מיטן זשאנדארם. האבן זיי ביידע גענומען, ער און דער גלח, להבדיל, מאכן צו זיי מיט די הענט, נאר קיינער האט זיי, אפנים, נישט פארשטא־נען, וואס זיי מיינען, און זיי האבן נעבעך געמוזט, זאגט ער, פארן ווייטער, קיין הייסין הייסט עס. פארנדיק ווייטער, איז שוין דער גלח, זאגט ער, געווארן א סך ווייכער. נאר צורירן זיך צו די מאשינעס האט ער אים נישט געלאזט. ער האט אים נאר א זאג געטאן, דער גלח הייסט עס: „זאג מיר, לייבקא, וואס איך וועל דיך פרעגן?“ זאגט אים בערל: „איך הייס נישט לייבקא, איך הייס בערקא“. זאגט אים דער גלח: „לאז זיין בערקא. זאג מיר נאר, בערקא, וואלסט, למשל, א בעלן געווען געבן א שפרונג־אראפ מיט מיר אינאיינעם פונעם לאקאמאטיוו אף דער ערד?“... פרעגט אים בערל: „בכדי וואס? מיר זאלן חלילה דערהרגעט ווערן אף טויט?“ מאכט צו אים דער גלח: „סיי־ווי־סיי וועלן מיר געהרגעט ווערן אף טויט“. רופט זיך אפ צו אים בערל: „פון וואנען איז געדרונגען? ס'איז נאר קיין ראיה נישט, אז גאט וויל — אוי־אוי־אוי, וואס ער קאן טאן!“... מאכט צו אים דער גלח: „דהיינו?“ רופט זיך אן צו אים בערל: „איך וועל דיר זאגן, זאגט ער, פאטערל! בא אונדז יידן איז היינט, זאגט ער, א טאג, וואס ער הייסט הושענא־רבה. אין דעם דאזיקן טאג, זאגט ער, ווערט אין הימל אנגעחתמעט יעדן מענטשן און יעדן באשעפעניש אף דער וועלט, צי ער זאל לעבן, צי ער זאל שטארבן; און אויב שטארבן — איז מיט וואס פאר א טויט זאל ער שטארבן. איז ממה־נפשך, זאגט ער: האט מיר גאט אנגעצייכנט, איך זאל שטארבן, איז דאך א פארפאל־לענע זאך; וואס איז מיר די נפקא־מינה, צי איך וועל געהרגעט ווערן פון א שפרונג, צי פון א לאקאמאטיוו, צי פון א דונער? און גלאט אזוי, זאגט אים ווייטער בערל, גייענדיק אפן גלייכן וועג, קאן איך מיך נישט אויסגליטשן און שטארבן, אז דער אייבערשטער וויל נאר? אלא וואס דען? עס איז מיר היינט אנגעחתמעט געווארן פון אויבן, אז איך זאל בלייבן לעבן, היינט למאי זאל איך שפרינגען?“

„און וואס זאל איך אייך זאגן? — אזוי דערציילט ווייטער בערל

עסיקמאכער פון סאבאליווקע און שווערט מיט אזעלכע שבועות, אז מ'מעג גלייבן, דאכט, מיר א משומד — ער געדענקט נישט, ווי אזוי דאס האט זיך געטראפן, נאר אז זיי זיינען געקומען, זאגט ער, הינטער הייסין און ארויסגעזען שוין פון דער ווייטן דעם קוימען פונעם הייסינער זא־וואד, האט עפעס מיטאמאל דער לאקאמאטיוו, זאגט ער, אנגעהויבן גיין שטילער און שטילער, נאכדעם — גאר פאוואליינקע, קוים־קוים, און נאכ־דעם האט ער זיך מיישב געווען, דער לאקאמאטיוו הייסט עס, און האט זיך גאר אנידערגעשטעלט. וואס איז די מעשה? ס'איז אים, אפנים, אויס־געגאנגען די הייצונג, און א לאקאמאטיוו, זאגט בערל עסיקמאכער, אז עס גייט אים אויס הייצונג, הערט־אויף דאס וואסער צו קאכן און די רעדער הערן־אויף צו דרייען זיך — און א סוף. פונקט, זאגט ער, ווי, להבדיל, א מענטש, אז מע זאל אים, למשל, נישט געבן קיין עסן... אוודאי האט ער דעם גלח געזאגט טאקע דארט אפן ארט: „נו, פאטערל? וואס האב איך דיר געזאגט, זאגט ער, ווען דער רבונו־של־עולם זאל מיר נישט געווען אנצייכענען היינט פון אויבן, אז איך דארף נאך לעבן אף דער וועלט, ווער ווייס אף וויפל צייט עס וואלט נאך געווען הייצונג און ווו מיר וואלטן שוין איצטער אנגעשפארט?“ אזוי מאכט צו אים בערל, און דער, זאגט ער, שטייט, די אויגן אראפגעלאזט אראפ, און שווייגט. וואס האט ער אים נעבעך געקאנט ענטפערן?... ערשט שפעטער, זאגט ער, באם געזעגענען זיך, גייט דער גלח, זאגט ער, און ציט אים אויס א האנט און מאכט צו אים: „פראשטשאי, איצקא“. זאגט אים בערל: „איך הייס נישט איצקא, איך הייס בערקא“... מאכט צו אים דער גלח: „לאז זיין בערקא. הערסטו בערקא? איך האב נאר נישט געוווסט, זאגט ער, אז דו ביסט אזא...“ און מער האט ער נישט געהערט פון אים קיין ווארט, ווארעם דער גלח האט פארקאטשעט, זאגט ער, די פאלעס פון דער ריאסע און האט גענומען שטעלן פיס צוריק, צו זיך אהיים, אפנים, קיין גאלאוואנעווסק. און ער, בערל הייסט עס, האט זיך געלאזט גלייך אין שטאט אריין, צו אונדז קיין הייסין. און בא אונדז האט ער שוין, לאז זיך אייך דאכטן, געהאלטן יום־טוב, געבענטשט גומל, דערציילט אפשר טויזנט מאל די מעשה פון אנהייב ביזן סוף, אלע מאל מיט נייע המצאות און מיט נייע נסים... איטלעכער באזונדער האט געשלעפט דעם סאבאליווקער עסיקמאכער צו זיך, געוואלט אים האבן פאר אן אורח אף יום־טוב,

און אגב הערן פון אים אליין דעם נס פון הושענא־רבה — און מיר האבן דאס געהאט, לאז זיך אייך דאכטן, א שמחת־תורה! שוין געווען, ווי זאגט איר, איין מאל א שמחת־תורה!“...

ענדע געשיכטע נומער אכט.

געשריבן אין יאר 1909

"He went on laying into him, Berl did, giving that priest such hell that the Father almost had a stroke. He was still going strong, he says, when what did they see go by but Zatkevitz station with its stationmaster and its policeman. They both began waving their hands, but no one seemed to understand them, and there was unfortunately no choice but to head on for Heysen. By now, Berl says, the priest had calmed down a bit, but he still wouldn't let him touch the brake. 'Listen, Liebko,' he said. 'I have a proposal to make to you.'

" 'My name isn't Liebko,' said Berl. 'It's Berko.'

" 'Then Berko,' said the priest. 'Tell me, Berko, what do you say to the two of us making a jump for it?'

" 'What for?' asked Berl. 'So that the two of us can be killed?'

" 'We'll be killed anyway,' said the priest.

" 'What makes you so sure?' Berl challenged him. 'There's no guarantee of that. If God has something else in mind for us—ai, ai, ai, you'd be surprised at the things He can do.'

" 'Such as what?' asked the priest.

" 'I'll tell you such as what, Father,' said Berl. 'We Jews have a day today called Hoshana Rabbah. That's the day on which the fate of every one of us is sealed in the Book of Life for the year—and not only who lives and who dies, but who dies what sort of death. Think of it this way, then: if it's God will that I die, there's nothing I can do about it—what difference does it make to me if it's in a locomotive, or jumping out of it, or getting hit by a thunderbolt? Do you think I can't slip and break my back in the street if that's what God's put me down for? On the other hand, though, if I'm down for another year of life, why kill myself trying to jump?'

"What can I tell you? According to Berl Vinegar of Sobolivke, who swears to the truth of his story with so many oaths that you'd have to believe him even if he weren't a Jew, he can't remember the exact order of things, but as they neared Heysen and saw its big factory chimney in the distance, the locomotive began to go slower and slower until it was going so slow that it decided to stop altogether. What had happened to it? Apparently, says Berl, it had no more coal—and when an engine has no more coal, he says, the water stops boiling, it runs out of steam, and kaput! It's the same, he says, as it is with a man if he doesn't get anything to eat . . . And you can be sure he said to that priest right then and there: 'Well, Father, what did I tell you? If God hadn't written me down for another year of life, who knows how much steam this locomotive might still have and where we might be in it right now?'

"Those were Berl's very words—and the priest, don't you know, just stood there staring at the ground. It was only later, says Berl, when it was time to say goodbye, that the priest stuck out his hand and said to him, 'All the best, Itzko.'

" 'My name,' said Berl, 'isn't Itzko. It's Berko.'

" 'All right,' said the priest, 'Berko. You know something, Berko? I never would have guessed that you were such a—'

"But Berl never heard the rest of it, he says, because the priest hitched up the skirts of his gown and began wending his way home to Golovonyevsk, while he, Berl, walked into town to visit his friends in Heysen. And in Heysen, don't you know, he celebrated the holiday, and thanked God for his deliverance, and told the story of the runaway engine at least a thousand times from A to Z, each time with more miraculous details. All of us insisted on hosting Berl Vinegar in our own homes and hearing about the Miracle of Hoshana Rabbah straight from the horse's mouth, and a merry Simkhes Toyroh was had by all. In fact, we never had a merrier!"

*(1909)*

From: Sholem Aleichem, Tevye the Dairyman and The Railroad Stories, trans. Hillel Halkin (NY: Schocken Books, 1987)